בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרן שַׁבָּת טִישׁ

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

גליון 5

אַרוֹיף זַיין אַרְבְּל אָנְצוּטוּן דִי תְּפִילִין אוּן עֶר הָאט אַ נוּמֶער אַיינְגֶעקְרִיצְט פוּן דִי דֵייטְשֶׁע רְשָׁעִים יִמַּח שְׁמָם - דֶער אִיד קֶען גֶעבְּן בְּרָכוֹת; אַ אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין לַאגֶער, מֶען הָאט אִים גֶעפַּיינִיגְט מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין, אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַלְץ אִין שׁוּל אָנְטוּן תְּפִילִין, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶר גְלֵייבְּט וַוייטֶער בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט נָאר מִיט צֶדֶק וּמִשְׁפָּט, חֶסֶד אוּן רַחֲמִים - דֶער אִיד אִיז רָאוּי צוּ גֶעבְּן בְּרָכוֹת".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק, ווִי גֶעטְרֵיי זֵיי זֶענֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, נָאכְן פַּיינִיגְן, נָאכְן הַרְגְ'עֶנֶען מִיט אַלֶע מִיתוֹת מְשֻׁנּוֹת. אַלֶע פֶעלְקֶער אִינְאֵיינֶעם זוּכְן צוּ הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם אִיד, דָאךְ בְּלַייבְּט דֶער אִיד גֶעטְרֵיי צוּם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, דֶער אִיז אַ צַדִיק; דֶער קֶען גֶעבְּן בְּרָכוֹת.

לשמיעת הסיפורים [באידיש] בקו 'קול ברסלב'
07970-400-66 | להפצה - 054-8480941

## אִיךְ בְּלַייבּ
## אַ גֶעטְרֵייעֶר אִיד

דִי מִלְחָמָה הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט, דִי דֵייטְשֶׁע רְשָׁעִים יִמַּח שְׁמָם וְזִכְרָם הָאבְּן אוֹיסְגֶע׳הַרְגְ׳עֶט אַזוֹיפִיל אִידְן, אִיבֶּער זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן הָאבְּן זֵיי גֶע׳הַרְגְ׳עֶט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע אַכְזָרִיוּת; אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מֶען הָאט אוֹיסְגֶע׳הַרְגְ׳עֶט אַזוֹיפִיל צַדִיקִים, אַזוֹיפִיל עֶרְלִיכֶע אִידְן; מֶען הָאט גֶעזוּכְט אַ צַדִיק וָואס קֶען טֵיילְן בְּרָכוֹת אוּן בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת.

נָאכְן קְרִיג אִיז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער עֶר הָאט גְלַייךְ מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז עֶר מוּז קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע אוֹיפְבּוֹיעֶן אִידִישְׁקֵייט; וֶוען דִי אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבְּן דָאס




גֶעהֶערְט הָאט זֵיי דָאס זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַדִיק צוּ נֶעמֶען בְּרָכוֹת אוּן מְקַבֵּל זַיין יְשׁוּעוֹת.

מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: ״רֶבִּי, וָואס וֶועלְן מִיר טוּן דָא אַלֵיינְס? פוּן וֶועם זָאלְן מִיר בֶּעטְן אַ בְּרָכָה? וֶוער וֶועט קֶענֶען פּוֹעֵלְ׳ן אַ יְשׁוּעָה?״

דֶער רֶבִּי זָאגְט זֵיי: ״וֶוען אִיר וֶועט זֶען אַ אִיד אִין שׁוּל צִיט